# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:41
מוצאי שב"ק.....................9:12

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................יחזקאל ד'-ה'
בבלי.........................יומא כ"ז
ירושלמי............כתובות נ"ב
תוספתא..................טהרות ט'
רמב"ם................שחיטה ה'


פרשת בהר בחקותי, כ"ו אייר, מברכים חודש סיון, אבות פרק ה', מ"א לעומר, שנת תשפ"א לפ"ק — שנה 10, גליון 31 (498)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ וְגוֹ' וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ע"ו) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג גוּטֶע הַשְׁפָּעוֹת פַאר'ן מֶענְטְשׁ, נָאר נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דִי כֵּלִים עֶס מְקַבֵּל צוּ זַיין, דֶערִיבֶּער קֶען נֶעמֶען אַ לַאנְגֶע צַייט בִּיז עֶס קוּמְט אָן צוּם מֶענְטְשׁ. אוֹיבּ אָבֶער מֶען הָאט אֱמֶת'דִיג בִּטָחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, דַאן קוּמֶען דִי הַשְׁפָּעוֹת שְׁנֶעלֶער, מֶען בַּאקוּמְט עֶס אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט וֶוען מֶען דַארְף עֶס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, אִם בְּחֻקֹּתַי תֵּלֵכוּ, "חֹק" מֵיינְט אַ מִצְוָה וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט, מֶען טוּט עֶס נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אֱמֶת'דִיג גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט אַלֶעס, דַאן וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם "בְּעִתָּם", וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען דַיין פַּרְנָסָה אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ זי"ע בְּרֶענְגְט (נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ, בְּהַר) פוּן זַיין בְּרוּדֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זי"ע, אוֹיפְ'ן פָּסוּק, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת תְּבוּאָתֵנוּ, וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם וְגוֹ'**, אוֹיבּ וֶועט אִיר פְרֶעגְן וָואס וֶועלְן מִיר עֶסְן אִין דִי שְׁמִיטָה יָאר, מֶען טָאר דָאךְ נִישְׁט אֵיינְפְלַאנְצְן? זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ וֶועל אַרֵיינְשִׁיקְן אַ בְּרָכָה אִין דִי זֶעקְסְטֶע יָאר אַז עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין גֶענוּג פַאר דְרֵיי יָאר.

פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זי"ע אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער סֵדֶר פוּן פָּסוּק צוּ זָאגְן דִי קֻשְׁיָא. פַארְקֶערְט, אַסַאךְ מָאל אִיז דָא אֵיין אִיבְּרִיגֶע אוֹת אִין פָּסוּק וָואס מִיט דֶעם וֶוערְט פַארֶענְטְפֶערְט אַסַאךְ קֻשְׁיוֹת. נִישְׁט פַארְקֶערְט, דִי תּוֹרָה זָאל אַרוֹיס שְׁרַייבְּן דִי קֻשְׁיָא?

דֶער תֵּירוּץ אִיז, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט שְׁטֶענְדִיג שֶׁפַע פַארְן מֶענְטְשׁ אָן קַיין אָפְּשְׁטֶעל, נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת "פוּן וואוּ וֶועל אִיךְ הָאבְּן צוּ עֶסְן?" מִיט דֶעם הַאקְט עֶר אָפּ דִי שֶׁפַע, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוּז פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי שֶׁפַע.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, דִי תּוֹרָה ווִיל אוֹיסְלֶערְנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט פְרֶעגְן קַיין קֻשְׁיוֹת, נָאר עֶר זָאל גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִים זִיכֶער הֶעלְפְן. וַוייל אוֹיבּ עֶר וֶועט פְרֶעגְן קֻשְׁיוֹת, **וְכִי תֹאמְרוּ מַה נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת**, וֶועט עֶר מִיט דֶעם אָפְּהַאקְן דִי שֶׁפַע, **וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי**, דַאן וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְפְן פוּן פְרִישׁ אַרַיין שִׁיקְן דִי הַשְׁפָּעוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל בְּהַר-בְּחֻקּוֹתַי תשס"ט)

## מוֹהַרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אַ גֶעפְּרֶעגְלְטֶער חָסִיד", דָאס בַּאדֵייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעפְּרֶעגְלְט אִין צָרוֹת, אוּן דָאךְ דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ אוּן עֶר בְּלַייבְּט נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אַזוֹינְס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ.

וֶוען מִיר זֶעעֶן ווִי אַ שְׁטִיקְל פְלֵייש פְּרֶעגְלְט זִיךְ אוֹיפְ'ן פֵייעֶר, מֶען דְרֵייט עֶס אִיבֶּער פוּן אֵיין זַייט צוּם צְוֵוייטְן אַז עֶס זָאל זַיין גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן, טְרַאכְטְן מִיר נִישְׁט אַרַיין ווִי דָאס שְׁטִיקְל פְלֵייש פִילְט דָארְט אִין דִי הֵייסֶע אוֹיל, ווִי אַזוֹי שְׁפִּירְט עֶס צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרָאטְן פוּן אַלֶע זַייטְן. אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן וֶועט עֶר זֶען אַז עֶר אַלֵיין אִיז אוֹיךְ אַזוֹי, דֶער מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיךְ אִין בְּרֶענֶענְדִיגֶע הֵייסֶע אוֹיל, אוּן עֶר וֶוערְט גוּט גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי פוּן זִיךְ אַלֵיין, דָא כַאפְּט עֶר אַ בְּרִי אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט פוּן אַ צָרָה בַּיי אִים אִינְדֶערְהֵיים, דָארְט וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעבְּרִיט פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וֶוערְט דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפְּרֶעגְלְט פוּן אַלֶע זַייטְן.

דָאס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען ווִי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ אִים. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן טַעֲנוֹת אוּן קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס עֶר גֶעבְּט אִים דִי אַלֶע צָרוֹת, וֶועט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְן מִיט דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן, עֶר וֶועט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז עֶר וֶועט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען.

וֶוען יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען בַּיי לָבָן הָאֲרַמִּי אוּן עֶר הָאט גֶעפַּאשֶׁעט זַיינֶע שָׁאף, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען אַז עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי שֶׁעפֶּעלֶעך וֶועלְכֶע זֶענֶען "עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּטְלוּאִים" - דִי שֶׁעפֶּעלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן קְלֵיינֶע פְלֶעקְן, גְרוֹיסֶע פְלֶעקְן, אָדֶער פְלֶעקְן אוֹיף דִי פִיס אַזוֹי ווִי דִי פִיס וָואלְטְן גֶעוֶוען גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן.

יַעֲקֹב אָבִינוּ אַלֵיין אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַסַאךְ שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִין לֶעבְּן,

<<<<<<

## א גוט ווארט

דוּ גֵיי דַיין וֶועג, דוּ טוּ גוּטְס אוּן וֶוער עֶס דַארְף נִישְׁט - דַארְפְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק דֶערְפוּן. דוּ וֵוייסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלְץ גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע הֵיילִיגֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן גֵיין נָאךְ גֶעלְט, אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן קַיין שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל, נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אִידְן; וָואס אִיז דִי שַׁייְכוּת אֵיינְס מִיטְ'ן צְוֵוייטְן? נָאר בְּדֶרֶךְ כְּלַל, דִי אַלֶע וָואס טוּעֶן חֶסֶד וֶוערְן אַזוֹי אַרַיינְגֶעטוּן אִין עוֹלָם הַחֶסֶד, זֵיי פַארְגֶעסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן; מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ מִידוֹת, עֶס אִיז דָא חֶסֶד, גְבוּרָה, תִּפְאֶרֶת וְכוּ', בִּשְׁעַת מֶען נֶעמְט צַאם גֶעלְט אוּן מֶען זֶעט אֵיינֶער גֶעבְּט נִישְׁט וֶוערְט מֶען גֶערֶעגְט אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן; דָאס הָאט עֶר זֵיי גֶעבֶּעטְן, זֵיי זָאלְן וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; גֵיי דַיין וֶועג אוּן הָאבּ יֶעדְן לִיבּ, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה אֱמוֹר תשפ"א)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אִין אַזַא שְׁוֶועֶרֶע צַייט קֶען מֶען זִיךְ נָאר שְׁטַארְקְן מִיט אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ׳ אִיָּר, ל"ה לָעֹמֶר, פֹּה אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טְרֵייסְטְן נָאךְ אַזַא שׁוֹידֶערְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע וָואס הָאט פַּאסִירְט אִין מִירוֹן אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וֶוען אַזוֹיפִיל אוּמְשׁוּלְדִיגֶע טֵייעֶרֶע אִידְן זֶענֶען אוּמְגֶעקוּמֶען, וּבְתוֹכָם אֵייעֶר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער ... עָלָיו הַשָּׁלוֹם. וָואס קֶען מֶען זָאגְן? וִוי אַזוֹי קֶען מֶען טְרֵייסְטְן דִי חָשׁוּבֶ׳ע מִשְׁפָּחָה; דִי טַאטֶע, מַאמֶע, דִי וַוייבּ, דִי בְּרוּדֶער שְׁוֶועסְטֶער אוּן קִינְדֶער; נִישְׁטָא קַיין וֶוערְטֶער וָואס צוּ זָאגְן, מִיר קֶענֶען זָאגְן נָאר דִי וֶוערְטֶער: "הַמָּקוֹם", דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, "יְנַחֵם אֶתְכֶם", זָאל אַייךְ טְרֵייסְטְן, "בְּתוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלָיִם".

עֶס אִיז אַ גְזֵירָה מִן הַשָּׁמַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דִי טֵייעֶרֶע אִידְן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט דִי הֵיילִיגֶע מִשְׁכָּן, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען אַזַא גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט, פְּלוּצְלוּנְג הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַוֶועקְגֶענוּמֶען אַהֲרֹן הַכֹּהֵן׳ס קִינְדֶער; אִינְמִיטְן דִי שִׂמְחָה, אִינְמִיטְן דִי טֶענְץ. שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה אַז אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעשְׁוִויגְן, "וַיִּדֹּם אַהֲרֹן (וַיִּקְרָא י, ג)", עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין תַּרְעוּמוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט וַוייטֶער גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פוּן מוֹהֲרָא"ש. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוּכָּה כח:) אוֹיבּ עֶס רֶעגְנְט יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אִיז דָאס אַזוֹי וִוי אַ הַאר בֶּעט זַיין קְנֶעכְט בְּרֶענְג מִיר וַואסֶער, אוּן וֶוען דֶער קְנֶעכְט בְּרֶענְגְט דִי וַואסֶער נֶעמְט דֶער הַאר דִי וַואסֶער אוּן שְׁפְּרִיצְט דָאס אָן דֶעם קְנֶעכְט, אַזוֹי אִיז יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וֶוען עֶס גֵייט אַ רֶעגְן; יוֹם טוֹב סוּכּוֹת וֶוען מִיר אַלֶע זִיצְן אִין דִי סוּכָּה, מִיר טוּעֶן דֶעם רָצוֹן ה׳, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גִיסְט אוּנְז אָן; אוֹיבְּנְאוֹיף זֶעט דָאס אוֹיס וִוי אַ שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אָבֶּער מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אוּנְז אַז עֶפֶּעס טִיפֶערְס לִיגְט אִין דֶעם מָשָׁל.

וֶוען אַ הַאר קוֹיפְט זִיךְ אַ קְנֶעכְט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אוֹיבּ דֶער קְנֶעכְט אִיז אִים בֶּאֱמֶת גֶעטְרֵיי, וִוי אַזוֹי קֶען דֶער הַאר וִויסְן אוֹיבּ זַיין קְנֶעכְט אִיז אִים בֶּאֱמֶת גֶעטְרֵיי? עֶר בֶּעט אִים בְּרֶענְג מִיר וַואסֶער אוּן עֶר נֶעמְט דִי וַואסֶער אוּן גִיסְט אִים אָפּ אִין פָּנִים אַרַיין; אִיז דֶער קְנֶעכְט נִישְׁט גֶעטְרֵיי– וֶועט עֶר אַנְטְלוֹיפְן פוּן אַזַא הַאר, אוֹיבּ אָבֶּער דֶער קְנֶעכְט בְּלַייבְּט וַוייטֶער גֶעטְרֵיי– אִיז אַ סִימָן אַז דֶער קְנֶעכְט הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם וִוילְן, עֶר הָאט נָאר אֵיין וִוילְן, טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן זַיין הַאר.

אַזוֹי אוֹיךְ, עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם הַכִּיפּוּרִים וֶוען אַלֶע אִידְן זָאגְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "מִיר זֶענֶען דִיר גֶעטְרֵיי, מִיר וִוילְן נָאר טוּן דַיין וִוילְן"; נָאכְדֶעם קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת, אַלֶע בּוֹיעֶן סוּכּוֹת, אַלֶע גֵיין אַרַיין אִין דִי סוּכָּה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶען וִוי גֶעטְרֵיי זַיינֶע קִינְדֶער, זַיינֶע קְנֶעכְט - זֶענֶען, גִיסְט עֶר זֵיי אָן מִיט וַואסֶער, דֶעמָאלְט זֶעט מֶען וֶוער מִיר זֶענֶען; מִיר בְּלַייבְּן וַוייטֶער קְנֶעכְט פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְדֶערְשׁ וִוי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם, וָואס בַּיי זֵיי שְׁטֵייט (עֲבוֹדָה זָרָה ג.) אַז וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן זֵיי הָאבְּן אַ טַעֲנָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַארְוָואס מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן סוּכָּה אוּן דִי גוֹיִים וֶועלְן צֶעבְרֶעכְן דִי סוּכּוֹת, זֵיי וֶועלְן אַרוֹיסְלוֹיפְן פוּן דִי הִיצְן; דָאס אִיז אַ גוֹי, וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים נִישְׁט גוּט, שְׁטוֹיסְט עֶר גְלַייךְ אַלֶעס אַוֶועק. וִוידֶער, אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בְּנֵי אֵ-ל חַי, זֵיי בְּלַייבְּן גֶעטְרֵיי.

מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָאְרן צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיסְ׳פּוֹעֶלְ׳ן יְשׁוּעוֹת אוּן פְּלוּצְלוּנְג אִיז אַלֶעס צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן, מֶען הָאט אוּנְז אָנְגֶעגָאסְן מִיט דִי וַואסֶער וָואס מִיר הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט; דָאךְ בְּלַייבְּן מִיר גֶעטְרֵיי, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת, מִיר פְרֶעגְן נִישְׁט, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט, מִיר קֶענֶען סֵיי וִוי נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַרְכֵי הַמָּקוֹם, מִיר וֶועלְן וַוייטֶער טוּן דֶעם רָצוֹן ה׳.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן שְׁטַארְקְט אַייעֶרֶע טֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; זֵיי זֶענֶען דָאךְ אַזוֹי צֶעבְרָאכְן אוֹיף שִׁבְרֵי שְׁבָרִים. עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא צַעַר וִוי דִי צַעַר פוּן עֶלְטֶערְן וָואס דַארְפְן בַּאגְלֵייטְן אַ קִינְד צוּ דִי קְבוּרָה. זַייט מְחַזֵּק אֵייעֶר שְׁוֶועגֶערִין דִי אַלְמָנָה, זִי דַארְף דָאךְ אַזוֹיפִיל כֹּחַ זִי זָאל קֶענֶען וַוייטֶער זַיין אַ מַאמֶע פַאר דִי אוּמְשׁוּלְדִיגֶע יְתוֹמִים׳לֶעךְ. זַייט מְחַזֵּק אַלֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער, יֶעצְט אִיז אַ צַייט וָואס מֶען מוּז זִיךְ שְׁטַארְקְן, מֶען מוּז אָנְגֵיין מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, מֶען דַארְף וַוייטֶער אוֹיפְצִיעֶן דוֹרוֹת פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז; מִיר זֶענֶען אַלֶע אַזוֹי צֶעבְרָאכְן, יֶעדֶער אִיד אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז צֶעקְלַאפְּט, דָאס אִיז אַ קְלַאפּ פַאר אוּנְז אַלֶע בִּכְלָל אוּן בִּפְרָט פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת ה׳ יְרַחֵם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז שׁוֹין אַלֶע טְרֵייסְטְן, אוּנְז שִׁיקְן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ אוּן מִיר וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ תְּחִיַּית הַמֵּתִים; מִיר וֶועלְן זִיךְ טְרֶעפְן מִיט אַלֶע אִידְן אִינְאֵיינֶעם, מִיט אַלֶע צַדִּיקִים; אָמֵן.

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי תשפ"א)

>>>>>>

וִוי גְרֶעסֶער אַ צַדִּיק אִיז, אַלְץ גְרֶעסֶערֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן הָאט עֶר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרָאץ דִי אַלֶע שְׁוֶוערִיקֵייטְן. קוֹדֶם הָאט יַעֲקֹב גֶעדַארְפְט אַנְטְלוֹיפְן וַוייל זַיין בְּרוּדֶער עֵשָׂו הָאט אִים נָאר גֶעוָואלְט הַרְגְ׳עֶנֶען, נָאכְדֶעם וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לָבָן הָאט עֶר גֶעהַאט צוּ לַיידְן אַסַאךְ צָרוֹת פוּן אִים אוֹיךְ. דֶערִיבֶּער הָאט יַעֲקֹב גֶעוָואלְט מְרַמֵּז זַיין אַז עֶר נֶעמְט דַוְקָא דִי שֶׁעפֶעלֶעך וֶועלְכֶע הָאבְּן דִי פְּלֶעקְן, דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר קֶען זִיךְ דֶערְהַאלְטְן סֵיי וֶוען עֶר הָאט קְלֵיינֶע פְּלֶעקְן - קְלֵיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, סֵיי וֶוען עֶר הָאט גְרוֹיסֶע פְּלֶעקְן - גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן סֵיי וֶוען עֶר הָאט דִי פְּלֶעקְן אוֹיף דִי פִּיס, עֶר שְׁפִּירְט וִוי עֶר אִיז גֶעבִּינְדֶען אִין קֵייטְן אוּן עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיס זֶען פוּן זַיינֶע פִילֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם גְלֵייבְּט עֶר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אַז אַלֶעס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאר פַאר זַיין טוֹבָה, אוּן עֶר גֵייט שְׁטֶענְדִיג צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז גָאר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר.

### וֶוער שְׁלָאגְט?

אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט אַז אַ טִיפֵּשׁ הָאט מוֹרָא פוּנֶעם שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט אִים, אַ חָכָם וֵוייסְט אָבֶּער אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, אוּן פוּן אִים דַארְף עֶר מוֹרָא הָאבְּן.

וֶוען עֶס קוּמֶען צָרוֹת אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט רח"ל, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, עֶר הָאט צָרוֹת פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת אוּן דִי בַּעֲלֵי חוֹבוֹת לוֹיפְן אִים נָאךְ, צִי סֵיי וֶועלְכֶע צָרוֹת אוּן שְׁוֶוערִיקֵייטְן אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאר דוּרְךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דֶער שְׁטֶעקְן וָואס שְׁלָאגְט, נָאר אֵיינֶער הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן, עֶס אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ פְּרוּבִּירְן צוּ בַּאשִׁיצְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן, אִיז עֶר זֵייעֶר נַארִישׁ, דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִיז צוּ גֵיין צוּ דֶעם וָואס הַאלְט דֶעם שְׁטֶעקְן אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן מִיט אִים, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים אוּן אִים פְרֶעגְן וָואס דִי סִיבָּה אִיז פַארְוָואס עֶר שְׁלָאגְט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּנֶעם שְׁטֶעקְן.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שְׁוֶוערִיקֵייטְן אִיז זַיין עֵצָה נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת. דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (תַּנְחוּמָא תֵּצֵא ב) אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אִים צָרוֹת אוּן יִסוּרִים, וַוייל דִי יִסוּרִים שְׁלֶעפְּן אִים צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי צָרוֹת דֶערְמַאנֶען אִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן דַאן גֵייט דֶער מֶענְטְשׁ צוּ אִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים עֶר זָאל זִיךְ אַרוֹיס דְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת.

וִוידֶער אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, עֶר מֵיינְט אַז דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען פוּנְקְט אַזוֹי גֶעשֶׁען, עֶר הָאט פוּנְקְט גֶעהַאט אַ שְׁלֶעכְטֶע מַזָּל אוּן עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ פְּרָאבְּלֶעם, דַאן וֶועט דֶער פְּרָאבְּלֶעם נָאר עֶרְגֶער וֶוערְן. חַזַ"ל זָאגְן (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ פֶּרֶק ב׳) "הַמְבַעֵט בְּיִסוּרִין, כּוֹפְלִין אוֹתָם עָלָיו" - וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטוֹיסְט אִין דִי יִסוּרִין, עֶר גְלֵייבְּט

<<<<<<

>>>>>>

נִישְׁט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דָאס גֶעשִׁיקְט פַּאר אַ גוּטֶע סִיבָּה, דַאן וֶוערְן דִי יִסּוּרִין נָאךְ גֶעטָאפְּלְט. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט אָבֶּער דֶעם מֶעסֶעדְזְשׁ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעשִׁיקְט מִיט יִסּוּרִים, עֶר גֵייט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, דַאן וֶועלְן דִי יִסּוּרִים אוּן צָרוֹת אַוֶועק גֵיין פוּן אִים.

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק טְרָאץ זַיינֶע אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, עֶר וֵוייסְט אַז זַיין אֵיינְצִיגֶע אַדְרֶעס וואוּ זִיךְ וֶוענְדְן אִיז נָאר בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסּוּרִים, עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן פוּן אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוּן עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק י"א עֶרֶךְ גְּבוּרָה וְעֶרֶךְ יִסּוּרִין)

>>>>>>

זיך פארגינען. ווער האט צייט צו טראכטן שלעכטס אויף יענעם? ווי איז דא צייט צו חוזק מאכן פון אנדערע?! דער תם הקדוש האט געזאגט (סיפורי מעשיות, מעשה ט): "וואס וועט זיין אז דו וועסט לאכן? דו וועסט דאך ערשט זיין א נאר!"

לאמיר זיך מקבל זיין בשמחה אז מיר גייען קוקן אויף אנדערע מיט כבוד, מען וועט שעצן איינער דעם צווייטן. מוהרא"ש זאגט, ער האט געהערט פון רבי לוי יצחק בענדער זכרונו לברכה, די אלע אנשי שלומינו וואס האבן זיך ליב געהאט איינער מיט'ן צווייטן, די אלע האבן גענומען מער פון רבי'ן, די ליכט פון רבי'ן, די שכל פון רבי'ן; עס האט אויף זיי געשיינט דעם רבינ'ס ליכט שטערקער און מערער. פאלט נישט אריין אין א פאניק, בלייבט פרייליך; כאפט ארויס גוטע זאכן אין אזא גרויסע טאג, נאר מיט שמחה."

שבת קודש האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך געפונען אין מירון, ביי זיין גרויסן טאטן, כ"ק גאב"ד קארלסבורג שליט"א. נאך שבת איז דער ראש ישיבה שליט"א געפארן קיין יבנאל צום ציון הקדוש פון מוהרא"ש זי"ע. ווי אויך איז ער ארומגעפארן צו אלע חבורות "היכל הקודש" איבער ארץ ישראל, וואו ער האט מחזק געווען אנשי שלומינו מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן, אלע דרשות און שיעורים קען מען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליין. א לענגערע באריכט מיט דעטאלן פון די נסיעה וועט נאכפאלגן קומענדיגע וואך אי"ה.

אידישע קינדער איבער דער גארער וועלט טרויערן און בלוטיגן אויף די שרעקליכע אומגליק, און זענען זיך משתתף אין די שווערע צער פון די פילע צענדליגע משפחות וואס טרויערן אויף זייערע נאנטע וואס זענען נעבעך אזוי טראגיש פארשניטן געווארן פון דער וועלט פאר די צייט, און זענען מתפלל אויף די אלע געשעדיגטע זיי זאלן האבן א גאנצע רפואה בקרוב ובניקל.

דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל מער נישט וויסן פון קיין צער און צרות, און מיר זאלן שוין אויסגעלייזט ווערן פונעם שווערן גלות דורך משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

**וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה'!**

***

## דינגען בעטן אויף ראש השנה אין אומאן

כאטש וואס מיר שטייען נאך פאר דעם יום טוב שבועות, גרייטן זיך שוין פילע אנשי שלומינו אויף די נסיעה צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה קיין אומאן, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט געבעטן אז יעדער זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, און ער האט צוגעזאגט געוואלדיגע הבטחות אויף דעם.

דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הראש השנה שלי עולה על הכל", ראש השנה ביי מיר איז גרעסער פון אלעס, מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, קיינער טאר נישט פעלן. ווי פארכטיג איז דער יום טוב ראש השנה ווען מ'שרייבט אפ אין הימל פאר יעדן מענטש אלעס וואס וועט פאסירן צו אים במשך די גאנצע יאר, און דער רבי האט זיך אונטערגענומען אז ער וועט זיין אן אדוואקאט פאר די אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, ער וועט זיכער מאכן אז מ'וועט אנשרייבן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

ווען א מענטש הערט אזעלכע געוואלדיגע הבטחות, וויל ער דאך זיכער קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה, און מען זעט טאקע אז יעדעס יאר קומען צו נאך טויזנטער אידן פון איבער די גאנצע וועלט מיטצוהאלטן דעם רבינ'ס ראש השנה אין אומאן.

דאס יאר דערקענט זיך א גרויסע אויפשטייג פון אידן וואס ווילן פארן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, נאך אזא יאר וואס מ'איז נעבעך דורך אזויפיל שוועריקייטן, און אלעס איז געווארן אנגעשריבן אום ראש השנה, וויל יעדער נעמען דער הייליגן רבי'ן פאר א גוטער אדוואקאט, וואס זאל אויס'פועל'ן פאר אים א זיס ליכטיג יאר.

אין די יעצטיגע טעג קען מען שוין דינגען א בעט אין אונזער בנין אין אומאן, צו פארברענגען דעם יום טוב צוזאמען מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין א היימישע ערליכע אטמאספער.

אזוי ווי פילע אידן האבן גדינגען בעטן דעם פארגאנגענעם יאר און למעשה האבן זיי נישט געקענט אנקומען צוליב דעם מצב העולם, קענען די אלע אידן באקומען דאס יאר א בעט פאר בלויז $300 אלעס אריינגערעכנט, אבער די חזקה האלט אן נאר ביז דעם יום טוב שבועות הבעל"ט.

מאכט זיכער נישט צו פארלירן אייער פלאץ, רופט שוין **347-452-1936.**

**וכל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון!**

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# פַאְרְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּרֶענְגְט אַזַא אוּמְגְלִיק אִין לַ"ג בָּעוֹמֶר?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר בַּייְנַאכְט, בִּשְׁעַת עֶס הָאט פַּאסִירְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶע, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי מִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג וָואס הָאט פַּאסִירְט דֶעם לַ"ג בָּעוֹמֶר אִין מִירוֹן הָאט מִיר זֵייעֶר צוּמִישְׁט.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן, וִוי קֶען זַיין אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג, אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, זָאל פַּאסִירְן אַזַא אוּמְגְלִיק?! דָאס וַוייזְט אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי ווִיל נִישְׁט מִיר זָאלְן קוּמֶען צוּ אִים? אִיז לַ"ג בָּעוֹמֶר נִישְׁט קַיין טָאג פוּן רַחֲמִים? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז נִישְׁט? אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיסְקְלָארְן וָואס גֵייט דָא פָאר, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין מְנוּחָה, אִיךְ קֶען נִישְׁט וַוייטֶער אָנְגֵיין.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי, כ' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר אַלֶע זֶענֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּאסִירוּנְג, מֶען זֶעט קְלָאר אַז דָאס אִיז אַ גְּזֵירָה מִן הַשָּׁמַיִם, אַזוֹינְס הָאט נָאכְנִישְׁט פַּאסִירְט, דָאס אִיז קְלָאר אַ גְּזֵירָה פוּן הִימְל. אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל קוּמֶען, חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַז לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז אַ טָאג פַארְקֶערְט פוּן חֶסֶד וְרַחֲמִים.

וָואס וֵוייסְן מִיר וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי רַאטֶעוֶועט אַלֶע אִידְן פוּן בִּיטֶערֶע גְּזֵירוֹת.

לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע טָאג, לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז אַ טָאג פוּן יְשׁוּעוֹת בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל; הוּנְדֶערְטֶער יָארְן וָואס אִידְן קוּמֶען קַיין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי הִילוּלָא פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי. עַד הַיּוֹם, בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג וֶוערְן אִידְן גֶעהָאלְפְן בַּיי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב): "כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ", דָאס אִיז דִי שֵׁיינְקֵייט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיף אִים, מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר טוּט, "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ אִם כֵּן הָיָה, חַס וְשָׁלוֹם, דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ", חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ וָואלְטְן מִיר פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן, וָואלְט דָאס גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז כְּדַעְתֵּנוּ, קוּמְט אוֹיס, אַז אַדְרַבָּה, דִי קַשְׁיוֹת וַוייזְט אַז מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט. דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט - וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט, בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס חַזְרְ'ט שְׁטֶענְדִיג דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, יז): "צַדִּיק ה' בְּכָל דְּרָכָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גֶערֶעכְט מִיט אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן, "וְחָסִיד בְּכָל מַעֲשָׂיו", אוּן טוּט נָאר גוּטְס מִיט אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים.

קְלַאפּ דַיין מוֹיל, מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז נִישְׁט"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל אוּנְז יָא! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט אוּנְז, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוּאֵל-ב ז, כג): "וּמִי כְעַמְּךָ כְּיִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד בָּאָרֶץ", וֶוער אוּן וואוּ אִיז נָאךְ דָא אַזַא פָּאלְק וִוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אִין מִירוֹן - זֶעט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי חֶסֶד וָואס טוּט זִיךְ אָפּ צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וואוּ מֶען גֵייט טֵיילְט מֶען עֶסְן אוּן טְרוּנְקֶען, דִי גַאנְצֶע בַּארְג מִירוֹן אִיז אֵיין שְׁטִיק חֶסֶד.

דִי קְדוּשַׁת הַמָּקוֹם אִין דִי לֶעצְטִיגֶע יָארְן - אִיז מוֹרָא'דִיג, דִי לֶעצְטֶע יָארְן אִיז דָא אַ מוֹרָא'דִיגֶע רֵיינְקֵייט; עֶס אִיז דָא אַ סְפֶּעצִיעֶלֶע וֶועג מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן דִי אוֹיגְן. צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן, עֶרְלִיכֶע אִידְן, קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען אָן קַיין

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

תַּעֲרוּבוֹת, אָן קַיין אֵיין שְׁלֶעכְטֶע קוּק רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֶען קוּמְט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ בַּיים קֶבֶר הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, נָאכְדֶעם טַאנְצְט מֶען אִינְאֵיינֶעם; וִוי קֶען מֶען טְרַאכְטְן חַס וְחָלִילָה אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וִויל נִישְׁט מֶען זָאל קוּמֶען?! צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז לַ"ג בָּעוֹמֶר אִין מִירוֹן בַּיי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז דָא צְוֵויי בְּחִינוֹת, אִין דִי מְעָרָה שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי יוֹם כִּפּוּרִים, אוּן אִין חָצֵר שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי שִׂמְחַת תּוֹרָה.

דִי בִּיטֶערֶע טְרַאגֶעדְיֶע אִיז אַ זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, דָאס אִיז אַ גְזֵירָה מִן הַשָּׁמַיִם. אֵיין זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן אַרוֹיסְנֶעמֶען וֶוען עֶס פַּאסִירְט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ (אֵיכָה ג, מ): "נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה עַד ה'"; מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר דַארְפְן זִיךְ בַּארֶעכֶענֶען אוֹיף אוּנְזֶערֶע מַעֲשִׂים, מִיר דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ צֶעקְוֶועטְשְׁן אַ צְוֵוייטְן אִיד, נִישְׁט צֶעדְרִיקְן אַ צְוֵוייטְן. עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי צַייט אָפְּצוּלָאזְן מַחְלוֹקֶת; אַז אַ צְוֵוייטֶער הַאלְט אַנְדֶערְשׁ - קוּמְט נָאכְנִישְׁט מֶען זָאל אִים צֶעקְוֶועטְשְׁן, אַז אַ צְוֵוייטֶער גֵייט צוּ אַ צְוֵוייטֶער רֶבִּי - קוּמְט נָאכְנִישְׁט מֶען זָאל אִים צֶעטְרֶעטְן.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג אַז וֶוען מֶען קוּמְט צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאל מֶען לֶעבְּן אַזוֹי וִוי רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי וִויל מִיר זָאלְן לֶעבְּן. רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, פַּרְשַׁת נָשֹׂא קכח.): "אֲנָן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא", אוּנְזֶער גְרוֹיסְקֵייט אִיז, וַוייל מִיר לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מִיר הָאבְּן זִיךְ לִיבּ; אַז מֶען קוּמְט צוּ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי דַארְף מֶען אָנְהֵייבְּן לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, לִיבּ הָאבְּן אַ אִיד פוּן אַן אַנְדֶערֶע גֶזַע - אַזוֹי וִוי פוּן דִי אֵייגֶענֶע גֶזַע.

אַז מֶען קוּמְט לַ"ג בָּעוֹמֶר, מֶען זִינְגְט: "אָמַר רַבִּי עֲקִיבָא, אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל"; מֶען זִינְגְט נִישְׁט "אַשְׁרֵינוּ" - ווָאוֹיל אִיז אוּנְז, נָאר מֶען זִינְגְט: "אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל" - ווָאוֹיל אִיז פַאר אִידְן; דַארְף מֶען דָאס אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אוּן גֶעדֶענְקֶען אַ גַאנְץ יָאר: "אַשְׁרֵיכֶם יִשְׂרָאֵל" - ווָאוֹיל אִיז פַאר אַלֶע אִידְן!

וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל גוּטֶע קַבָּלוֹת - דַארְף דָאס זַיין מִתּוֹךְ שִׂמְחָה, עֶס טָאר נִישְׁט קוּמֶען פוּן עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה. אוֹיבּ עֶס קוּמְט פוּן עַצְבוּת - וֶועט עֶס נִישְׁט אָנְהַאלְטְן, גוּטֶע קַבָּלוֹת וָואס קוּמְט פוּן שִׂמְחָה - דָאס הָאט אַ קִיּוּם. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן אִין דִי טֶעג, וֶוען מֶען רֶעדְט אַזוֹיפִיל פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע נֵייעֶס, אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין עַצְבוּת.

מֶען מוּז זִיךְ הַאלְטְן אִין דִי אֱמוּנָה, גֶעדֶענְקֶען (רַשִׁ"י בַּמִּדְבָּר יט, ב): "גְּזֵירָה הִיא מִלְּפָנַי, וְאֵין לְךָ רְשׁוּת לְהַרְהֵר אַחֲרֶיהָ"; נָאר אַזוֹי וֶועלְן דִי גוּטֶע קַבָּלוֹת הָאבְּן אַ קִיּוּם.

עֶס אִיז זִיכֶער אַז רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט דָא אַרָאפְּגֶענוּמֶען גְרוֹיסֶע בִּיטֶערֶע גְזֵירוֹת פוּן גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַר-בְּחוּקוֹתַי תשפ"א)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

### שבת משוש לבינו נהפך לאבל מחולינו

## שוידערליכע אומגליק ביים הילולא דרשב"י אין מירון

דער פרייליכער טאג ל"ג בעומר, ווען אידן איבער די גאנצע וועלט פרייען זיך בהילולא דבר יוחאי, ספעציעל אין אתרא קדישא מירון, מקום מנוחתו פון התנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי, איז ליידער איבערגעדרייט געווארן צו גרויס טרויער און שוידער, נאך די שרעקליכע אומגליק וואס האט דארט ליידער פאסירט, ווען פילע צענדליגע אידן זענען ליידער אומגעקומען, איבער הונדערט אידן זענען ליידער פארוואונדעט געווארן, אין א שווערע געדרענג.

דער ראש ישיבה שליט"א וואס האט זיך געפונען אין מירון האט געשריבן דאנערשטאג נאכט א בריוו פאר אנשי שלומינו זיך צו שטארקן מיט אמונה, וויסן און געדענקען אז אלעס פירט דער אייבערשטער מיט א פונקטליכער חשבון, "דער עיקר דארף מען זיך שטארקן אין אמונה, ארויסנעמען פון זיך אלע קשיות און ספיקות וואס דער סמ"ך מ"ם וכת דיליה ברענגען אריין אינעם מענטש, ספיקות אין אמונה; מען דארף איינקריצן אין זיך אז עס איז נישטא קיין פאסירונג, נישטא קיין טעותים, נישטא קיין טבע, מקרה און מזל; אלעס איז עצם עצמיות חיות אלקותו יתברך. ווען מען חזר'ט אמונה און מען לעבט מיט דעם געדאנק, דעמאלט איז דער לעבן א גן עדן, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ד): "כשאדם יודע", ווען א מענטש ווייסט, "שכל מאורעותיו", אז אלעס וואס גייט אריבער אויף אים, "הם לטובתו", איז לטוב, "זאת הבחינה היא מעין עולם הבא", דאס איז עולם הבא".

דער ראש ישיבה שליט"א האט מעורר געווען וואס מיר דארפן ארויסנעמען פון די שוידערליכע מעשה, "איר האט געהערט די נייעס, עס האט פאסירט א שוידערליכע פאסירונג אין מירון השם ישמרינו, דאס דארף אונז אויפוועקן פון אונזערע דמיונות; מענטשן זענען פארנומען מיט דעם, מיט יענעם, ווען מען ווייסט נישט וואס גייט זיין דעם קומענדיגן טאג, דעם קומענדיגן מינוט. וואס איז דאס זיין פארנומען מיט קריגערייען? מיט קוקן שלעכט אויף א צווייטן? מען דארף דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מען לעבט, מען איז געזונט, אז מען קען היטן נאך א שבת, מען קען אנטון נאך א טאג תפילין, מען קען לערנען און דאווענען; וואס דארף מען זיך קריגן?! וואס דארף מען יענעם צעדריקן?!

און דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעענדיגט דעם בריוו, "פאלט נישט אריין אין קיין עצבות און מרה שחורה; דער אייבערשטער פירט די וועלט מיט א גערעכטיגקייט. מיר דארפן זיין פרייליך, מיר דארפן ווייטער דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה. נישט אויפהערן דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע חסדים; אז מען דאנקט - ווערט שוין הרחבה, דאס איז פשט: "עומדים צפופין", וואס טוט מען ווען מען שטייט צעדרוקט? "משתחוים", מען בוקט זיך, מען נעמט אויף זיך דעם עול מלאכת שמים, ווערט שוין "רוחים"."

פרייטאג אינדערפרי האט דער ראש ישיבה שליט"א ווידער געשריבן א בריוו פאר אנשי שלומינו, און מעורר געווען אויף דעם אז מ'דארף זיך מער שטארקן אין אחדות און שטיין ווייט פון מחלוקת, נישט זיך גרויסן איינער אויפ'ן צווייטן:

"איך בין יעצט אין מירון; איר האט אוודאי געהערט די שרעקליכע נייעס פון מירון. ווען מען הערט א שרעקליכע פאסירונג דארף מען זיך מתבונן זיין וואס מיר דארפן פאררעכטן. דער רמב"ם זאגט (פרק א' מהלכות תעניות, הלכה ג): "אם לא יזעקו ולא יריעו, אלא יאמרו דבר זה ממנהג העולם אירע לנו, וצרה זו נקרה נקרית, הרי זו דרך אכזריות", אויב מען איז זיך נישט מתבונן, מען נעמט נישט ארויס וואס מען דארף פאררעכטן, מען זאגט עס איז א פאסירונג וואס פאסירט – איז מען אן אכזר; ווייל מען מאכט מענטשן זאלן נישט תשובה טון, אזוי וועט קומען נאך צרות השם ישמרינו.

וואס דארפן מיר אנשי שלומינו ארויסנעמען? דער הייליגער תנא רבי שמעון בר יוחאי זכותו יגן עלינו הייבט אן די אידרא (נשא קכח.): "אנן בחביבותא תליא", אונזער זאך איז זיך ליב האבן; דארפן מיר ארויסנעמען פון דעם אז עס איז שוין צייט אפצולאזן די פיינטשאפט איינער צום צווייטן. דא רעדט מען נישט פון מינים ואפיקורסים, מיט זיי טאר מען נישט האבן צוטון, מיט די ערב רב טאר מען נישט האבן; דא רעדט מען פון אידישע קינדער פון אלע סארט קרייזן, חסידות'ן און אפשטאם; וואס דארף מען זיך קריגן?! שוין צייט אפצולאזן די קטנות 'ווער איז גרעסער?' 'ווער האט מער מענטשן?' 'וואו שטופט מען זיך מער?'

קוקט וואס האט פאסירט דעם היינטיגן טאג ל"ג בעומר, טייערע אידישע נפשות, אומשולדיגע מענטשן וואס זענען זיך געקומען אויסגיסן דאס הארץ ביים הייליגן תנא רבי שמעון בר יוחאי - זענען צעדריקט געווארן; איבער הונדערט מענטשן זענען אריין אין שפיטאל, חוץ פון די צענדליגער נפטרים רחמנא לצלן. וואס האט מען פון קוקן ווער איז גרעסער? ווער עס האט א גרעסערע עולם, ווער עס האט א גרעסערע הדלקה? וואס דארף מען זיך קריגן? לאמיר גיין אין די וועג פון דעם הייליגן תנא וואס ער האט געזאגט אינעם הייל, אינעם אידרא: "אנן בחביבותא תליא", מיר דארפן זיך ליב האבן, מיר דארפן

<<<<<<

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן נתן קרויס** שליט"א
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
צו די אפשערן פון זיין זון אברמי נ"י למזל טוב

***

מו"ה **יצחק משה רייך** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **אשר לעמל זוסמאן** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## יום טוב שבועות

גרייט אייך צו קבלת התורה מיט א ברייטע אויסוואל פון הערליכע שיעורים, ניגונים, מגילת רות, מעשיות פאר קינדער, און נאך

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 8**

## עצתו אמונה
## ביי אייער טיר




סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י מו"ה אשר לעמל זוסמאן הי"ו לרגל שמחת הולדת הבן, ובמאנסי לע"נ כ"ק מרן מוהרא"ש זצוק"ל


< BreslevCenter.com >